שישע שיסערייען 500 הייזער, און 200 מענשען זענען געבליבען אהן מיטלען צום לעבען.

♦ פון א דארף אין מלאווער אויעזד זענען אנגעקומען קיין ווארשא הימלאוו, צוליעב'ן דערנעהנערונג פון שונא אהין.

♦ צוליב דייטשלאנד'ס אויפרוף אין איטאליע צוא איהרע ארטיגע אונטערטאנער, דאס זיי זאלען גיין ראטעווען זייער פאטערלאנד זענען דיא באהנען יעצט פול מיט דייטשען. פאר דיא 2 וואכען זענען שוין ארויסגעפאהרען איבער 40,000 דייטשען.

♦ אייפ'ן מלאווער אידישען בית עולם וועלכער שטייט אויפ'ן וועג פון שאסיע מלאווע-פראסניש האבען דיא דייטשען אין געמויערטען פארקאן, וואס ארום עס, געמאכט לעגער, דורך וועלכען זיי שיסען ארויס אויפ'ן שונא. ארום פארקאן האבען זיי געמאכט קאלען, טיפע אקאפעס און טראנשייען.

♦ דיא שווייצארישע פרעססע איז מודיע דאס אין דייטשלאנד ווערט צוזאמענגעשטעלט א נייע ארמיע, וועלכע וועט זיין פערטיג אויף פריהלינגס צייט.

♦ אויף אלע פעלדער וואס ציא דעמבסק, אפאצנע און ווישנאס זענען פול מיט גריבער און מיט א דראט פערצוימונג פערצוימט, וועגען בעארבייטען זיי היינטיגען פריהלינג איז אונמעגליך.

♦ וויא די האללאנדער צייטונגען גיבען איבער, האבען די דייטשישע פאבריקען ביז יעצט אויסגעארבעט צו 3 מיליאן סניאריאדען מאנאטליך. נאר יעצט וועלען זיי מוזען, צוליב'ן מאנגעל אין קופער בלאיי און אנדערע מעטאלען, פערקלענערין דיא אויסארבעטונגען.

אידישע נייעס.

♦ דעם פאריגען דינסטיג ביי נאכט, אור ליום ה' שבט, האבען מיר אידען געהאט א גרויסען שאדען!

צו אונזער גרויסען און טיעפען טרויער איז נפטר געווארען אין בריסק דליטא, איינער פון די גרויסע און וויכטיגע אידען, פון די יחידי סגולה, וועלכע לאזען ניט זייער גלייכען, הרב הגאון ר' יעקב זלמן ליבשיץ זצ"ל.

איבער צו געבען ריכטיג ווער און וואס דער נפטר איז געווען, אלס מענש, איד, למדן, ירא-שמים, מרביץ תורה און עוסק בצרכי צבור — איז בשום אופן ניט מעגליך אין „המודיע" און נאך איצט נאר וואס הערינגדיג די ביטערע בשורה, פון וועלכע די הארץ איז אינז שטארק צו בראכען.

דאך אריבער לאזען נאר אזוי איז אויך אונז אונמעגליך, לכן וועלען מיר זייער קורץ נאר איניגע שטריכען פון דעם גרויסען אידען דא פארשטעלען.

דער נפטר, ר' יעקב זלמן ז"ל, א זוהן פון דעם, נאך אין פאריגען דור, באוואוסטען גאון ר' ברוך מרדכי ליבשיץ זצ"ל, שערליצער רב, דער מחבר פון ספר ברית יעקב, זייענדיג א עלוי פון קינדהייט אן, האט געלערנט תורה ביי זיין פאטער, און האט טאקי מקדיש געווען זיין גאנצען לעבען נאר צו תורה ועבודה. פון נאך זיין חתונה אין בריסק ביז דעם לעצטען טאג פון זיין לעבען האט ער קיין עסק ניט געטאהן און האט אויך קיין רבנות ניט געוואלט, און איז נאר געזעסען און געלערנט, און פרנסה האט ער געהאט פון דער אפון-קלויז וועלכע זיין ווייב האט געפירט.

לבד דעם, האט ער אויך עוסק געווען אין כלל ענינים. ער איז געווען איינער אין זיין גראד וואס די הארץ איז געווען פול מיט אלעם וואס עס איז נוגע צום כלל ישראל און צו דער תורה און אידעשקייט. און פלעגט זיך איבערשרייבען מיט די אלע גדולי הדור וואס ארבייטען אין כלל זאכען, און זיין דעה זיין מיינונג האט געהאט א גרויסען ערך ביי זיי, ווייל מ'האט עס געוואוסט פאר זייער א קלוגען, ערלאבען און ערנסטען, באראבענטען און פארזיכטיגען כלל ארבייטער פון דעם אמת אידישען שטאנד פונקט, וועלכער האט זיך מסקיר געווען פאר הרמת קרן התורה והיראה ביי אידען. אויך און אויבלאנד ביי די פרומע אידען און איבערהויפט און ירושלים תובב"א און און גאנץ ארץ ישראל איז ער געאכטעט און זיינער א ווארט איז געווען טייער.

איבערהויפט האט ער זיך אפגעגעבען מיט די פיהרונג פון דער ישיבה „תורת חיים" אין ירושלים פון וועלכע ער איז געווען דער גאנצער פארשטייער און רוסלאנד אונטער די אויפזיכט פון מרן הגאון מבריסק שליט"א. אויך האט ער געגרינדעט און געפיהרט די ישיבה „תורת חסד" אין בריסק. אט די 2 ישיבות איז געווען זיין גאנצער לעבען, ס'איז גאר אונמעגליך איבער צו געבען וויפיעל דער איד האט וועגען זיי געארבייטעט אפילו די לעצטע עטלאכע יאהר וואס ער איז שוין ל"ע קראנק געווען.

און דאס אלעס, ווי אויך די אלע כלל זאכען, פלעגט ער אפ ארבעטען מיט א זעלטענע זריזות אזוי אז זיי האבען עב כמעט גאר ניט געשטערט פון זיין לערנען, און יעדער, פון די, דורך בריסק דורכפאהרענדע, רבנים און לומדים וואס פלעגען עם באזוכען פלעגען נתפעל ווערען פון זיין שקידה און זריזות אין לערנען און אלע מעשים טובים אזוי ווי אויף זיינע כשרונות און זיין שארפען זינען אויסצורעכענען א זאך זייער ריכטיג.

ער איז ל"ע נפטר געווארען אן קינדער, אבער דערפאר האט ער געלאזען שיינע מעשים און אויף עם איז ריכטיג מקיים דער פסוק „ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם טוב מבנים ומבנות" דאס הייסט: איך וועל זיי געבען אין מיינע הייזער און אין מיינע מויערן (דאס מיינט מען אין מיינע בתי מדרשים און אין ישיבות) א קראפט און א נאמען וואס איז בעסער ווי זוהן און טעכטער. אויך האט ער געלאזען א געשריבענעם ספר חרושי תורה וואס איז גרייט צוא דרוקען.

♦ דער ווארשעווער אידישער קאמיטעט צו בעזארגען הימלאוו, האט דעלעגירט איניגע מיטגלידער קיין אטוואצק צוא איינארדענען דארט א פריוט.

♦ קיין ווילנא זענען געקומען פארשטייהער פון ליובאווער אידישער געמיינדע, דער רב נוראק און דר' פרידבערג, וועלכע פיהרען אויף די פאזיציעס מתנות פאר די סאלדאטען.

♦ דער קאוונער גובערנאטאר האט בעשטראפט מיט 3000 רובל און ארויס געשיקט פון דער גובערניע דעם דאקטאר אנטאשעווסקי פאר ארויסגעבען געזונטע מענשען רעצעפטען צו קויפען ספירט געטראנקען; מיט דער זעלבער שטראף איז אויך בעשטראפט געווארען דער איד יוסף ליוושיץ, פאר האלטען ספירט געטראנקען.

יודישע העלדען

— אין ווילנא האט מען די טעג מקבר געווען דעם יודישען דאקטאר גבריאל בן אברהם פוזיריסקי, וועלכער איז געשטארבען פון די וואונדען, וואס ער האט בעקומען אין א שלאכט אויף די פארדערשטע פאזיציעס. דער פערשטארבענער, וועלכער איז קוים אלט געווען 42 יאהר, איז א געבוירענער פון ווילנא, האט לאנג געדיענט אין דער זעמסטווא און אין די לעצטע יאהרען האט ער זיך פערנומען מיט פריוואטער פראקטיק אין זיין געברוסט-שטאדט, אלס דאקטאר האט ער זיך אויך באטייליגט אין דער יאפאנישער מלחמה.

דעם „נאווי וואסחאד" שרייבט מען פון באקו פאלגענדע פרטים וועגען דעס, ווי עס איז געפאלען אויפ'ן שלאכט-פעלד דער יודישער מיליטער-דאקטאר גליקמאן, לויט ערצעהלונגען פון אפיצערען פון פאלק, אין וועלכען דער פערשטארבענער האט געארבעט.

אין דער נאכט זענען די טערקען, צוגעקראכען אונבעמערקט אנגעפאלען אויף די וואך-סאלדאטען, פון וועלכען איינער האט פונדעסטוועגען אויסגעפייעט אנצוזאגען דער מחנה. שנעל זענען ארויסגעשפרונגען די קאזאקען, זיך א ווארף געטהון צו די פערד און דאס מעהרסטע פון זיי זיך אוועקגעלאזט. דער

דאקטאר גליקמאן האט זיך געווענדעט צום קאמאנדיר פון דעם פאלק מיט דער פראגע: „וואו זאל ער עפענען א באנדאזשירונגס-פונקט"? נאר אין דער מינוט איז ער געראניעט געווארען אין פוס און אנידערגעפאלען. אויפהויבענדיג זיך, האט ער פרובירט זיך אויפזעצען אויפ'ן פערד, נאר, ווי עס ווייזט-אויס, האט דער שטארקער וועהטיג אין פוס איהם געשטערט דאס צו טהון. אלע ארום איהם האבען געשריען: „דאקטאר אנטלויפט" — נאר דער פערשטארבענער האט נישט געקענט לויפען און ער איז אוועק צו א שטיבל. אין אנדערהאלבען שעה ארום, ווען די קאזאקען האבען פערטריבען דיא טערקען און זיך אומגעקעהרט צוריק, האבען זיי געפונען דעם דאקטאר גליקמאן א טויטען. מען האט איהם גוט אבגעוואשען און אין א בלייענעם ארון, בעדעקט פון קרענץ מיט ריהרענדע אויפשריפטען, אבגעשיקט אהיים.

דער פערשטארבענער גליקמאן האט, לויט ווי עס דערצעהלען זיינע חברים, זיך אויסגעצייכענט מיט אזעלטענעם חאראקטער, ער האט שטענדיג איבערגעטראגען צוזאמען מיט זיין פאלק אלע שוועריגקייטען פון קריגס-לעבען און האט געמאכט באנדאזשירונגען אויף די פארדערשטע פאזיציעס, נישט מורא האבענדיג פאר'ן האגעל פון קוילען, וואס זענען

פארבייגעפלויגען פאר איהם. דריי וואכען פאר זיין טויט איז ער פארגעשטעלט געווארען צו בעקומען אן'אננע מיט שווערדען און אבאנד מיט אן'אויפשריפט: „פאר העלדישקייט".

— אין שפיטאל פון „קיעווסקאיא מיסל" אין קיעוו הייל זיך דער ליעטציק עמנואל מרגולית, וועלבער איז פערוואונדעט געווארען בעת ער האט געמאכט אויסשפירונגען אויף אן'אעראפלאן.

— אין פראסקיראוו זענען דערהאלטען געווארען ידיעות, אז דער געוועזענער שילער פון 6 קלאס קאמערץ-שולע פון מ. קאפלאן. וועלכער איז פון דארטען אוועק אלס פרייוויליגער אין דער קעמפפענדער ארמעע, האט גלייך פון ערשטען מאמענט. ווי ער איז אריינגעטרעטען (לויט א ספעציעלער ערלויבניש) אין איינעם פון די אולאנער-פאלקען, זיך אויסגעצייכענט אלס זעהר איבערגעגעבענער אויסשפירער און האט שוין בעקומען א רייהע נאגראדעס. אזוי איז קאפלאן פאר אן'אויסשפירונג ביי ל. באלד בעשטימט געווארען אלס אונטער-אפיציר, פאר א געלונגענע ארבייט ביי'ם דארף איז ער בעשאנקען געווארען מיט א געארגי פון דער 4-טער מדרגה און דערנאך איז ער פאר א נייע געלונגענע אויסשפירונג פארגעשטעלט געווארען צו בעקומען א געארגי פון 3-טער מדרגה. אין איינער פון דיא